**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 50-יוניט שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר צוגענגליכע פרייזן אין אנאנדאגא קאונטי**

***נייע אויפגעבויעטע דעוועלאפמענט אין טאון פון סיסערא ברענגט 35 אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן און 15 אפארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען***

***אינוועסטירונג באגלייט 'CNY Rising' – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צוריק צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דאס פארענדיגונג פון מאנארך קאממאנס (Monarch Commons), א 50-יוניט האוזינג דעוועלאפמענט פאר צוגענגליכע פרייזן פאר עלטערע מענטשן אין די אנאנדאגא קאונטי פון סיסערא. די ענערגיע-שפארעדיגע דעוועלאפמענט נעמט אריין 15 שטיצנדע הייזער פאר היימלאזע וועטעראנען.

"מיט פירמעס אזוויי מיקראן (Micron) זיך אריינציענדיג, שטייט צענטראלע ניו יארק און אנאנדאגא קאונטי אויפ'ן פונקט פון וואקסן און דארפן נייע האוזינג פון אלע סארטן צו אנהאלטן די ראיאן'ס אויסוואל פון באפעלקערונג און צושטעלן נייע געלעגנהייטן פאר'ן צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מאנארך קאממאנס וועט געבן פאר עלטערע מענטשן און וועטעראנען א זיכערע פלאץ צו וואוינען אין די קאמיוניטיס וועלכע זיי האבן אזוי ליב און אינעם זעלבן צייט געניסן פון אונזער שטייגנדע עקאנאמיע."

מאנארך קאממאנס באגלייט גאווערנער האקול'ס $25 ביליאן ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט שאפן אדער אויפהאלטן 100,000 הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער ניו יארק, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס עלעקטריפיצירונג פון נאך 50,000 הייזער.

מאנארך קאממאנס קומט איידער דאס דעוועלאפמענט פון די גרעסטע סעמיקאנדאקטור פארברייטירונג פאסיליטעט אין די היסטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן דורך מיקראן אין אנאנדאגא קאונטי'ס דערנעבנדע שטאט קלעי. א פארשידענע אויסוואל פון האוזינג איז נויטיג אויף צו פארנעמען צענטראלע ניו יארק'ס ערווארטענע וואוקס רעזולטירנדיג פון די [גרויסארטיגע אינוועסטירונג](#) פון ביז $100 ביליאן איבער די קומענדיגע 20 יאר ביי מיקראן.

די דעוועלאפמענט באשטייט פון אן איינציגע צוויי-שטאקיגע געביידע מיט 48 איין-שלאפצימער אפארטמענטס און צוויי צוויי-שלאפצימערן אפארטמענטס. אלע אפארטמענטס וועלן זיין געגוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income).

פופצן פון מאנארך קאמאנס' אפארטמענטס זענען רעזערווירט פאר וועטעראנען וועלכע זענען שוין אדער וועלכע זענען אין געפאר פון ווערן היימלאז. די מענטשן וועלן האבן צוטריט צו שטיצנדע סערוויסעס אויפ'ן ארט, צוגעשטעלט דורך Soldier On (סאלדזשער אן), א נאציאנאלע ארגאניזאציע וואס ספעציאליזירט זיך אין שטיצן וועטעראנען. סערוויסעס און רענט סאבסידיס ווערן פינאנצירט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו און אויסגעטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף.

מאנארך קאמאנס פאלגט אויס די ענערגיע-שפארעדיגקייט און גרינע געביידע סטאנדארטן געפאדערט אונטער די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט' נייע קאנסטרוקציע - האוזינג פראגראם (טיער 3) און דער פראיעקט האט באקומען LEED סערטיפיקאציע. אנדערע ענערגיע-שפארעדיגע אייגנשאפטן רעכנענען אריין LED לעקטער, לייכט-פליסיגע פלאמבינג איינריכטונגען, אנגייענדע-אפערירונג באדעצימער פענס, און אלע ענערדזשי סטאר (Energy Star) אדער ענליכע עפלייענסעס, איינריכטונגען, און לעקטער.

יעדע אפארטמענט האט א סטארעדזש ארט, מאדערנע קאך באקוועמליכקייטן און א טעראסע אדער באלקאן. באדע-צימערן וועלן זיין איינגעריכטעט מיט אנכאפ-שטאנגען און עמערדזשענסי שלעפ-שטריקלעך צו פארזיכערן דאס עלטערן אויפ'ן פלאץ דורך די דעוועלאפמענט'ס עלטערע באפעלקערונג. געביידע באקוועמליכקייטן וועלן אויך אריינרעכענען א לאונדזש, קאמיוניטי צימער, עקסערסייז צימער, און קאמפיוטער צימער. די געביידע וועט אויך פארמאגן א געאייגנטע אפיס ארט און א באזונדערע זיצונג ארט פאר Soldier On, די שטיצנדע סערוויס פראוויידער פאר די מאנארך קאמאנס' וועטעראן באפעלקערונג.

סטעיט פינאנצירונג פאר די $15 מיליאן מאנארך קאמאנס האט אריינגערעכנט $12 מיליאן אין פעדעראלע נידריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס, און $2.5 מיליאן אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג. NYSERDA האט געגעבן $175,000 אין שטיצע. נאך פינאנצירונג איז צוגעשטעלט געווארן דורך דער CDS' וואלף פאונדעישען' און דער 'צענטראל ניו יארק קאמיוניטי פאונדעישען'. CDS מאנארך איז דער דעוועלאפער און אנפירער.

**הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנערין רוט-ען וויסנאסקעס האט געזאגט,** "מאנארך קאמאנס שטעלט צו 50 פארזיכערטע, ביליגע, און ענערגיע-שפארעדיגע הייזער פאר עלטערע ניו יארקער און וועטעראנען אין א וואקסנדע און בליענדע רואיגע קאמיוניטי. א דאנק פאר אונזערע מיטארבעטער ביי OTDA, CDS מאנארך, און Soldier On פאר זייער ארבעט אויף די פראיעקט וואס וועט פארבעסערן לעבנס און פארברייטערן די האוזינג סופליי אן אנאנדאגא קאונטי אין די קריטישע צייט פאר צענטראלע ניו יארק'ס עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף עקטינג קאמישאנערין בארבארא סי. גווין האט געזאגט,** "גאווערנער האקול אנערקענט די מסירת נפש וואס אונזערע וועטעראנען האבן דורכגעמאכט און אונזער אגענטור איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז די וועטעראנען וועלכע וועלן וואוינען אין מאנארך קאמאנס זאלן האבן די שטיצע וואס זיי דארפן צו מצליח זיין. די שטיצנדע סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט אויפ'ן ארט דורך Soldier On וועט ערלויבן פאר וועטעראנען וועלכע האבן מיטגעמאכט היימלאזיגקייט צו האבן א זיכערע, ביליגע פלאץ צו וואוינען וואו זיי קענען האבן גרינגע צוטריט צו סערוויסעס זיי צו העלפן אדרעסירן פראבלעמען וועלכע קענען מעגליך זיין א טייל פון די סיבה פארוואס זיי זענען היימלאז."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דארין מ. העריס, האט געזאגט,** "פאראויס רוקן ריינע, שטארקע און ביליגערע האוזינג איז א הויפט באשטאנדטייל פון ניו יארק סטעיט'ס ברייטע סטראטעגיע צו רעדוצירן

עמיסיעס, און איך בין באגייסטערט צו זען קאנסטרוקציע זיך אנהויבנדיג אויף די פראיעקט אין אנאנדאגא קאונטי. מאנארך קאמאנס שטרייכט אונטער די סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן אונזערע שוואכסטע איינוואוינער און אינעם זעלבן צייט אויסנוצן יעדע געלעגנהייט צו פארמערן צוטריט צו ביליגערע האוזינג וואס איז נישט בלויז פארזיכערט און באקוועם נאר נוצט אויך ענערגיע-שפארעדיגקייט דורך איינפירן די STAR עפלייענסעס און לייכט-פליסיגע פלאמבינג."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער אנאנדאגא איינוואוינער צו האבן א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו רופן היים, און איך בין שטאלץ צו זען די באדייטנדע אינוועסטירונג סיי אין ביליגערע האוזינג און סיי פאר שטיצע סערוויסעס אין די טאון פון סיסערא. דורכ'ן נוצן $12 מיליאן אין פעדעראלע נידריגע איינקונפט שטייער קרעדיטס, וואס איך האב שווער געארבעט צו פארזיכערן, צו אויפבויען 50 נייע ביליגערע און צוגענגליכע אפארטמענטס פאר איינוואוינער אין אנאנדאגא און צושטעלן קריטישע שטיצנדע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן און וועטעראנען, וועט די נייע דעוועלאפמענט העלפן אונזער סטעיט'ס שוואכסטע איינוואוינער לעבן זעלבסט-שטענדיגערהייט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארמערן צוטריט צו ביליגערע האוזינג אין צענטראלע ניו יארק, און איבער גאנץ ניו יארק סטעיט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו פארגרעסערן די סופליי פון האוזינג און צו שאפן א ביליגערע און איינוואוינער-פריינטליכע ניו יארק פאר יעדן."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מאניאן האט געזאגט,** "איך בין אין שטארקע שטיצע פון די סטעיט'ס $15 מיליאן אינוועסטירונג אין מאנארך קאמאנס אין סיסערא וואס וועט אויפבויען 50 יוניטס פון ביליגערע און שטיצנדע האוזינג פאר עלטערע מענטשן און וועטעראנען. איך קאמענדיר און באדאנק גאווערנער האקול פאר רוקן די פראיעקט ווייטער און פאר איר מיטארבעט מיט עפענען בליענדע קאמיוניטיס וואס שטעלן צו די געברויכן פון אלע איינוואוינער."

**אסעמבלימיטגליד אל סטירפע האט געזאגט,** "איך בין צופרידן צו אויפנעמען די מאנארך קאמאנס דעוועלאפמענט אין סיסערא. די נייע האוזינג פארברייטערט נישט בלויז די צוטריט צו וואוינונג פאר אונזערע עלטערע מענטשן און וועטעראנען אין אנאנדאגא קאונטי נאר עס געבט זיי אויך די שטיצנדע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בליען אין זייער נייע שטובער. די פראיעקט איז א שטארקע טריט נענטער צו אונזער פארפליכטונג צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן א דאך איבער זייער קאפ, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר שטיצן די וויכטיגע דעוועלאפמענט. איך וועל ווייטער ארבעטן שווער יעדן טאג צו ברענגען מער זיכערע און ביליגע האוזינג צו אונזערע געגנטער."

**סיסערא טאון סופערוויייזער מייקעל אראגאנא האט געזאגט,** "היינט, קומען מיר זיך צוזאם צו פייערן די גרויסע עפענונג פון CDS מאנארך קאמאנס, גלייך דא אין די הארץ פון די טאון פון סיסערא. CDS האט זיך קיינמאל נישט געבויגן פון איר פארפליכטונג צו צושטעלן ענערגיע-שפארעדיגע אפארטמענטס פאר אונזערע עלטערע און וועטעראנען. ווי מיר אלע ווייסן, איז די נויטיגקייט פון ביליגערע האוזינג פאר אונזערע עלטערע מענטשן און וועטעראנען א ווירקליכקייט. מיר מוזן ווייטער אנגיין מיט אונזער אייניגע באמיאונגען מיט קאונטי און סטעיט באאמטע צו בארברייטערן די מעגליכקייט פאר אנדערע קאמיוניטיס איבער די סטעיט. מיר ווילן אויסדרוקן אונזער טיפע דאנקבארקייט פאר אלע וועלכע האבן איבערגעגעבן זייער צייט, כח, און ברען צו איבערקערן די חלום צו א ווירקליכקייט."

**CDS לייף טראנזישינס (Life Transitions) CEO און CDS מאנארך עקזעקיוטיוו דירעקטאר אנדריו סעוונאוט האט געזאגט,** "מאנארך קאמאנס איז מער ווי בלויז ביליגערע האוזינג. עס שטעלט פאר א שטארקע פארפליכטונג דורך CDS מאנארך און סטעיט און לאקאלע באאמטע צו צושטעלן א זיכערע, גוטע-קוואליטעט ענווייראנמענט צו די מענטשן אין די קאמיוניטי וועלכע דארפן עס און וועלכע עס קומט זיך זיי דאס מערסטע - וועטעראנען און אלע וואס וואוינען דא. ביי מאנארך קאמאנס, קוקן מיר ארויס פאר די געוואלדיגע געשיכטעס פון אונזערע איינוואוינער אנצוהויבן אריינצוקומען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418